נומער 11.9

# ע ק ז ע ק י ו ט י װ  ב א פ ע ל

## צו דערקלערן א דיזעסטער עמערדזשענסי אין דער סטעיט ניו יארק

**אזוי ווי,** ניו יארק זעצט פאר ווייטער מיטצומאכן קאָוויד-19 טראנסמיסיע, און די ראטע פון נייע קאָוויד-19 שפיטאל איינטריט בלייבן איבער 100 נייע איינטריטן א טאג;

**אזוי ווי,** דער SARS-CoV-2 וואריאנט באקאנט אלס אָמיקראָן, איז באשטימט געווארן אלס א וואריאנט פון זארג דורך דער וועלטס געזונטהייט ארגאניזאציע און די צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידן, איז באקאנט אלס גאר אנשטעקיג און וועלכס מאכט נויטיג פאר מענטשן צו האבן נאך דאזעס פון וואקסינען אויף צו זיין אמבעסטן אפגעהיטן;

**אזוי ווי,** דער סטעיט מוז איינפירן א קאארדינירטע צוגאנג צו פארזיכערן אז שפיטאל קאפאציטעט איבער'ן סטעיט קען נאכקומען די ראיאנישע געברויכן;

**אזוי ווי,** די סטעיט רעגירונג מוז שטיצן די מוניציפאליטעטן און קאונטיס אין זייער ארבעט צו פארמיטלען און אדמיניסטרירן וואקסינאציעס און טעסטס פאר קאָוויד-19, און צו פארמיידן דעם ווירוס פון זיך ווייטער פארשפרייטן אין אזעלכע ראטעס;

**אצינד, דעריבער, טו איך, קעטי האוקול,** גאווערנער פון דער סטעיט ניו יארק, דורך די אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיך דורך דער קאנסטיטוציע פון דער סטעיט ניו יארק און די געזעצן פון ניו יארק סטעיט, איצט פארזעצן ווייטער די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי פארגעלייגט אין עקזעקיוטיוו באפעל 11, און פארזעצן ווייטער די אפשטעלונגען און ענדערונגען פון די געזעצן אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו באפעלן 11 און אירע נאכפאלגער, ביז סעפטעמבער 12, 2022.

ג ע ג ע ב ן   אונטער מיין האנט און דער פאראהאלטענער זיגל פון

דעם סטעיט אין דער שטאט אלבאני דעם

דרייצנטן טאג אין אוגוסט אין דעם יאר צוויי

טויזנט צוויי און צוואנציג.

דורך דער גאווערנער

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער